

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתבי הק' ומפעלים להפצת תורותו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת צו תשפ"ד | גליון קט

## מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### כלל ישראל גייט זוכה זיין צו א מורא'דיגע עליה ווען מ'גייט אויסגעלייזט ווערן פונעם גלות, בזכות וואס זיי זענען "בני תורה" און בזכות די ביטערע יסודים וואס מ'האט געליטן אין גלות

דער אור החיים הק' טייטשט איין בדרך רמז די פסוקים אנפאנג סדרה, אז דאס איז א שטארקע חיזוק פאר כלל ישראל וואס ליידט שוין אינעם פינסטערן גלות אזויפיל יארן, עד כדי כך, אז מ'ווערט שוין כמעט מיואש פון די גאולה ח"ו, נאך וואס ווי די יארן לויפן פארביי ועדיין לא נושענו. צו דעם אלעם מאכט מען מיט ביטערע יסורים און עינויים פון די אומות העולם, און כלל ישראל שרייט: "עד מתי"??? ווען גייט שוין קומען די לעכטיגע גאולה???

אויף דעם זאגט די תורה: "**צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו**" - ווי רש"י זאגט אז "**צַו**" איז א לשון "זירוז", אז משה רבינו זאל מזרז זיין כלל ישראל, און בראשם די **כהנים** - וואס איז רומז אויף די בני תורה, "**זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה**" אז אט אט גייט קומען א געוואלדיגע **עליה** פאר כלל ישראל, און "**זֹאת**" איז א מיעוט, ממעט צו זיין **אז אזא מין עליה וואס די אידן גייען האבן איז נאך קיינמאל בעפאָר געווען!**

פון וועלכע עליה רעדט מען? זאגט די תורה: "**הִיא הָעֹלָה**" דאס מיינט די עליה פון כלל ישראל וואס זענען ארויף קיין ארץ ישראל, אזוי ווי עס שטייט (שיר השירים ג, ו) "**מִי זֹאת עוֹלָה מִן הַמִּדְבָּר**"...

אין וועלכע זכות גייט מען זוכה זיין צו די עליה? זאגט די תורה צוויי סיבות: איינס "**עַל מוֹקְדָה**" - אויפן פייער; בזכות וואס מיר זענען "בני תורה" - וואס די תורה איז געגליכן צו פייער, **וואס ס'איז נישטא צו טרעפן אזעלכעס צווישן אלע אנדערע פעלקער!** און צוויי "**עַל הַמִּזְבֵּחַ**" - בזכות די יסורים וואס מיר ליידן זיך אן אין גלות, וואס די יסורים זענען דאך א "מזבח כפרה" פאר'ן מענטש. אט די צוויי זאכן זענען די סימבאל פון כלל ישראל דורכאויס די גלות, וואס איז מרומז אין "**כָּל הַלַּיְלָה**" - אזויווי מיר טרעפן אין פסוקים אז די גלות ווערט אנגערופן "לילה", און דאס גייט אן "**עַד הַבֹּקֶר**" ביז ס'וועט קומען די מינוט פון "בוקר" ווען ס'גייט אויפשיינען א נייע ליכטיגקייט פון די גאולה.

זאגט דער פסוק ווייטער: "**וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ**", אז אין די ליכטיגע מינוט פון די גאולה גייט כביכול ברענען ביים אויבערשטן א געוואלדיגע חרון אף און א פלאם פייער פון נקמה אויף די אומות העולם וואס האבן געפייניגט די אידן אין גלות מיט עינויים קשים; "**וּבִפְרַט בְּנֵי הַמַּעֲרָב הַפְּנִימִי אֵין לְךָ כּוֹס מַר שֶׁלֹּא הִטְעִימוּ תָּמִיד**" - זאגט דער רבי אויף די גויים פון זיין תקופה, וואס האבן אָן קיין טראָפ רחמנות אפגעטון די ערגסטע צרות פאר די אידן - וואס זענען שוין סייווי געווען מושפל עד לעפר... אז דער אויבערשטער גייט נוקם זיין אין זיי מיט די גרעסטע תוקף הדינים וואס ס'קומט זיי פאר דעם. און דער פסוק לייגט צו: "**וְלָבַשׁ הַכֹּהֵן מִדּוֹ בַד**" - "כהן" איז רומז אויף **מידת החסד** - **אז אפילו די מידת החסד גייט מסכים זיין מיט די נקמה** וואס די אומות העולם דארפן באקומען.

איז דער רבי מסביר; "**מִדּוֹ בַד**" גייט ארויף אויף די ספעציעלע מלבוש וואס חז"ל זאגן (מדרש שוחר טוב ט) אז יעדער נפש מישראל וואס די גוים האבן גע'הרג'עט על קידוש ה' - ווערט מיט די בלוט אויפגעקריצט זיין צורה אויף דעם מלבוש, און בשעת די גאולה גייט כביכול דער אויבערשטער זיך אנטון דעם מלבוש נקמה צו נעמען פאר זייער פארגאסענע בלוט. דאס איז מרומז אין די ווארט "**בַּד**" וואס טייטשט אויך "אליין", אז זיי זענען ליידער אומגעברענגט געווארן נאר פאר'ן מייחד זיין דעם אויבערשטנס נאמען אליין!

המשך בעמוד 4 »

## פניני חיים
פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל
לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה...** (ו, ב)

רש"י זאגט, אז "**צַו**" איז א לשון **זירוז**. זאגט ר' שמעון; דא דארף די תורה ספעציעל מזרז זיין, ווייל מ'רעדט דאך פון אן עולה וואס ביי דעם איז דא א "חסרון כיס".

עס זענען דא אסאך פשטים וואס די "חסרון כיס" דא איז. אבער ס'קען זיין, לויט ווי חז"ל זאגן אז דער "עולת תמיד" דארף זיין די ערשטע קרבן יעדן צופרי, און מ'האט גארנישט געטארט מקריב זיין פאר'ן תמיד של שחר. דער זאך האט אטאמאטיש צוגעברענגט פארשידענע סיבות וואס שאפן א חסרון כיס. ווי למשל דאס וואס די גמרא דערציילט (ב"ק פב:) אז בשעת'ן באלאגערן ירושלים האבן די אידן נישט געהאט קיין שעפסן פאר'ן תמיד של שחר, האבן זיי יעדן טאג ארויסגעשיקט צו די גוים א קוישל פול מיט דינרי זהב כדי זיי זאלן אריינשיקן א שעפסל פאר'ן קרבן תמיד.

דאס איז דאך אַן אומגעהויערע פרייז צו צאלן פאר א שעפס וואס זיין נארמאלע פרייז איז בערך צוויי מעה כסף! פון וואו האבן זיי גענומען רעכט זיך צו לאזן קאסטן אזא טייערן פרייז, נאכדערצו פון ממון הקדש?! נאר וויבאלד מ'האט געמוזט ערשטנס מקריב זיין דעם תמיד, ווייל דאס האט אויפגעהאלטן אלע אנדערע עבודות, האט מען דאס געמוזט האבן פאר יעדן פרייז; "**וְאֵין לְךָ חִסָּרוֹן כִּיס גָּדוֹל מִזֶּה**".

**זֹאת הַתּוֹרָה לָעֹלָה לַמִּנְחָה... אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה בְּהַר סִינָי.** (ז, לז-לח)

די גמרא (מנחות קי.) דרש'ענט דעם פסוק "**זֹאת הַתּוֹרָה לָעֹלָה לַמִּנְחָה...**", אז ווער עס לערנט די תורה פון קרבן עולה, רעכנט זיך עס אים כאילו ער האט מקריב געווען א קרבן עולה.

קען מען זאגן, אז וועגן דעם שטייט גלייך נאכדעם: "**אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה**", צו לאזן הערן אז דער עיקר פון לערנען תורה איז; **אז מ'זאל לערנען ריין לשמה** ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן, נישט מיט קיין שום אנדערע כוונה. דאס איז פשט: "**זֹאת הַתּוֹרָה**" - די תורה זאלסטו לערנען בלויז וועגן דעם - "**אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה**" ווייל דער אויבערשטער האט דאס באפוילן פאר משה רבינו.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998 אדער שיקט אן אימעיל צו:torahsohrhachaim@gmail.com

## הלכה ודרוש

### בשעת המצור כשאין תמיד האם מותר להקריב שאר קרבנות

**צַו אֶת אַהֲרֹן.** אָמְרוּ חז"ל בְּתוֹרַת כֹּהֲנִים, אֵין "צַו" אֶלָּא זֵרוּז מִיָּד וּלְדוֹרוֹת. אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, בְּיוֹתֵר וְכוּ' כָּל מָקוֹם שֶׁיֵּשׁ חֶסְרוֹן כִּיס.

מַשְׁכַּחַת לָהּ שֶׁיִּהְיֶה זְמַן שֶׁלֹּא הָיָה לָהֶם כְּבָשִׂים לְהַקְרִיב - בִּזְמַן שֶׁהָיְתָה יְרוּשָׁלַיִם בְּמָצוֹר, וְאֵין מְצִיאוּת לַעֲבוֹדַת בֵּית אֱלוֹקֵינוּ לְהַקְרִיב קָרְבָּן מֵהַקָּרְבָּנוֹת הַבָּאִים מִשְּׁאָר בַּעֲלֵי חַיִּים וְהַמְּנָחוֹת וְהַקְּטֹרֶת, וּצְרִיכִין יִשְׂרָאֵל לָתֵת מָמוֹן רַב בְּכֶבֶשׂ לְצַד שֶׁאֵין מְצִיאוּת לְהַקְרִיב עַד שֶׁיַּקְדִּים (ו ב).

רבינו מבאר מה שאמר רבי שמעון 'ביותר הכתוב צריך לזרז במקום שיש חסרון כיס', שהכוונה, שיש זמנים שבהם צריכים להוציא הון רב עבור התמידין, מחמת שמניעת הקרבת התמיד, מונעת מהם הקרבת כל הקרבנות, לכן הוציאו עליה ממון רב כדי שלא ימנע מהם הקרבת כל הקרבנות.

**ובכלי חמדה** (אות א') העיר, שמבואר בגמרא (מנחות מט, ב) שדין זה דהעולה עולה ראשונה היינו רק כשיש עולת תמיד אז המצוה שיהיה התמיד הקרבן הראשון, אבל כשאין כבש לקרבן תמיד לא שייך דין זה כלל. ולא עלה על דעת אדם לומר שאם לא יהיה כבשים לתמיד שיהיה אסור להקריב שאר קרבנות, ואדרבה, הוא פשוט להיפך דתמיד אינו מעכב שום קרבן, וגם אם אין תמידין בודאי מקריבין לכתחילה נדרים ונדבות וכל הקרבנות.

וכן כתב ב**שיעורי רבי דוד** (פוברסקי, פסחים נח, ב אות ס"ה) שדין זה שאין מקריבין קודם לתמיד הוא רק מחמת הדין שתמיד קודם, שזה משום שתדיר קודם, וכיון שהוא רק משום תדיר קודם, א"כ כשאין תמיד, לא שייך כלל לאסור להקריב שאר קרבנות מחמת הדין של קודם. [ואף שנתבאר לעיל שיש דין נוסף של 'העולה עולה ראשונה', כבר נתבאר בשם הכלי חמדה שמבואר בגמרא (מנחות מט, ב) שגם דין זה הוא רק כשיש עולת תמיד].

וכעין זה כתב ב**קובץ שיעורים** (פסחים אות ר"ד), והוסיף עוד ביאור בזה, שאין איסור בקדימת שאינו תדיר, אלא מצוה להקדים התדיר, ולכן היכא דליכא לתמיד כלל, מותר להקריב שאר קרבנות, דומיא מה שכתב במרדכי, דהיכא דאנוס בעשיית ציצית מותר ללבוש בגד בלא ציצית, משום דליכא איסורא ללבוש בגד בלא ציצית, אלא דאיכא מצוה לעשות ציצית, ואנוס רחמנא פטריה.

והעיר ב**ביאורים והערות** (קנובלוביץ, פסחים שם), שלפי זה מבואר ג"כ שבדיעבד אם הקדים שאר קרבנות לתמיד, אינו פוסל, שכיון שאינו רק מצד שמצוה להקדים התדיר, בודאי אין זה רק דין לכתחלה, ואינו מעכב בדיעבד, ע"כ. וא"כ מדברי רבינו שפוסק כהתוספתא שכל הקדשים שהקריבן קודם לתמיד של שחר הם פסולים, מוכח שסובר שאין זה רק מצוה להקדים התדיר, אלא יש איסור בקדימת שאינו תדיר. [אך אפשר שזה מכח הדין של 'העולה עולה ראשונה', וצ"ע], ועיין בביאורים והערות (שם) שהאריך בענין זה.

וכן תמה ב**שפת אמת** (הגהת הגרי"מ בידרמן, זבחים פט, א; פסחים נח, ב) מהא דאיתא בערכין (יא, ב), דלאחר שבטל התמיד בי"ז בתמוז היו מקריבים בן בקר באקראי בעלמא דאתרמי להו, ופירש"י: שלא היה להם כבשים מחמת שצרים על ירושלים ואתרמי בן בקר שאינו ראוי לתמיד וראוי לעולת נדבה, ע"כ. הרי מבואר שאף שלא היה קרבן התמיד, הקריבו שאר קרבנות, ומוכח מזה שהדין שהעולה היא ראשונה, זה רק כשיש קרבן תמיד אז צריך להקדימו, אבל כשאין כבש לקרבן תמיד לא שייך דין זה כלל. ובאמת כ"כ להדיא הראב"ד בחידושיו למסכת תמיד (כח, ב ד"ה העולה).

ביישוב דברי רבינו תירצו האחרונים באופנים שונים, כדלהלן:

**א. בשו"ת דברי יציב** (או"ח סי' צ"ח) ובספר **נחלת יעקב יהושע** (בפרשתן) תירצו, שגם רבינו מודה שבזמן שאין כבש לקרבן תמיד לא שייך דין זה כלל, אלא, שהוא סובר שבאופן זה שיכולים להשיג ע"י ממון רב נחשב כאילו יש לו כבש, ולכן הוא מעכב את שאר הקרבנות. ומה שמבואר בגמרא שכשאין כבש לקרבן תמיד לא שייך דין זה כלל, היינו דווקא כשאי אפשר להשיג כלל אפילו בממון רב, וכגון בשעה שהיו צרים ואין יוצא ואין בא ולא היה בנמצא כלל, ובכהאי גוונא אינו מעכב שאר קרבנות, שאין זה נחשב 'קודם לתמיד', שגם לאחר כך לא יקריבו הקרבן תמיד.

**ב. בקובץ הפרדס** (שנה סד חוברת ה, סי' כו), הקשה על רבינו, כקושיות האחרונים הנ"ל, והוסיף עוד, שזה תמוה מצד הסברא, שנמצא לפ"ז שאם אי אפשר לקבל כבש לתמיד של שחר אי אפשר אח"כ להקריב הקרבן פסח, או אם אין כבש ביום הכיפורים לתמיד של שחר, א"א באותו יום להקריב כל קרבנות יום הכפורים.

וכתב שם לחדש, שהאיסור להקריב קרבנות אחרים זה רק בשעה הראויה להקרבת התמיד, והיינו, עד שעת חצות לרבנן ועד ארבע שעות לרבי יהודה, אבל אחר כך מותר להקריב. ומה שכתב רבינו שכשאין כבש לתמיד של שחר אסור להקריב שאר קרבנות, לא נתכוין לומר שאסור כל היום, אלא כוונתו שאסור עד ארבע שעות. ולפי זה מיושב כל הקושיות הנ"ל, שמה שמבואר במנחות (שם) ובערכין (שם) שגם כשאין כבש לקרבן תמיד, מקריב מוספין ושאר קרבנות, היינו, אחר שעבר זמן הקרבת התמיד. ובביאורים והערות (הנ"ל) הביא, שכן כתב בספר גור אריה יהודה בשם אביו הגר"מ זעמבא.

עוד כתב בקובץ הפרדס (שם חוברת ו, סוף סי' לא), דנראה לומר דגם לדעת רבינו, שאם לא קרב התמיד של שחר, אסור להקריב שאר קרבנות כל היום, זהו דווקא קרבנות נדבה אבל קרבנות חובה מותר. ובזה מיושב הקושיא מההיא דמנחות. [ודבריו צ"ע, שהרי רבינו נקט בלשונו גם 'הקטורת', שהיא חובה].

## אגדה וחסידות

### אם המלך עצמו מוזהר בכבוד מלכות

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעֵדָה זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשׂוֹת.** עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם ז"ל (שמו"ר פ"ב וזבחים קב) כִּי מֹשֶׁה מֶלֶךְ הָיָה, דִּכְתִיב (ברכה לג) "וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ", וּתְנַן (כתובות יז.) מֶלֶךְ שֶׁמָּחַל עַל כְּבוֹדוֹ אֵין כְּבוֹדוֹ מָחוּל, וְהִנֵּה מֹשֶׁה הָיָה עוֹשֶׂה מַעֲשִׂים שֶׁאָסוּר לַעֲשׂוֹתָם אֲפִלּוּ עֶבֶד עִבְרִי לַאֲדוֹנוֹ לִרְחֹץ אוֹתָם בַּמַּיִם וְכוּ' כָּל גּוּפָם וְכָל סֵדֶר הַמַּעֲשֶׂה, וְאֵין לְךָ זִלְזוּל גָּדוֹל מִזֶּה, אֲשֶׁר עַל כֵּן הִקְדִּים לוֹמַר "זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה'" - מִפִּי ה' נֶאֱמַר לִי לַעֲשׂוֹתוֹ, וְדַוְקָא זֶה וְלֹא אַחֵר, כִּי הַמֶּלֶךְ אָסוּר לַעֲשׂוֹת כֵּן הֲגַם שֶׁיַּחְפֹּץ לִמְחֹל, כִּי דַּוְקָא זֶה הַדָּבָר לְצַד שֶׁהַפֶּה שֶׁאָסַר מֶלֶךְ שֶׁלֹּא יִמְחֹל עַל כְּבוֹדוֹ הוּא שֶׁהִתִּיר וְצִוָּה לִי לַעֲשׂוֹת (ח ה).

מבואר מלשון רבינו, שגם המלך עצמו מוזהר בכבוד מלכות, ואסור לו לעשות פעולות שאינם לפי כבודו. וזה חידוש לכאורה, שהיה נראה שחיוב כבוד המלך מוטל על העם, שהם חייבין בכבודו אף לאחר מחילתו, אבל מנין לומר שיש חיוב על המלך בעצמו לשמור על כבודו.

אך באמת כן מבואר בגמרא (סוטה מא, ב), שבמשנה שנינו 'והמלך עומד ומקבל וקורא יושב, אגריפס המלך עמד וקבל וקרא עומד ושבחוהו חכמים', ובגמ' הקשו ע"ז למה שיבחוהו, הרי היה אסור לו לעשות כן, שהרי מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול, ותירצו, דמצוה שאני.

**ובקובץ שיעורים** (כתובות אות מ"ז) הקשה באמת על הגמ' איזה איסור יש על המלך בעצמו, שלכאורה מצות אימת המלך מוטלת על העם ולא על המלך. ותירץ, שהמצוה היא משום כבוד המלוכה, וגם המלך בעצמו מוזהר בזה לחלוק כבוד למלכות.

<u>**האם זה רק משום ציווי מפורש או בכל מצוה**</u>

עוד יש להעיר בדברי רבינו, שמשמע מדבריו שגם לצורך מצוה אסור למלך למחול על כבודו, ורק משום שהיה ציווי מפורש מהקב"ה על דבר זה, היה מותר לו לעשותו, וזה סותר לכאורה לדברי הגמ' הנ"ל, שמכיון שיש מצוה בעמידה בשעת קריאת התורה אף שאינו מחויב כלל בזה, מותר לו למחול על כבודו. [אמנם אינו מוכרח, שאפשר שכוונת רבינו שמכיון שהיה ציווי מהקב"ה על דבר זה, הרי זה מצוה, ובמקום מצוה אין איסור זה כלל, והוא הדין בכל מצוה. ועכ"פ לפי דברי התוספות המובא להלן, מוכח שההיתר הוא דווקא משום שהיה ציווי מפורש מהקב"ה על דבר זה, ולא לצורך קיום שאר מצוה].

אולם באמת כבר הקשו **התוס'** בסוטה שם (ד"ה מצוה שאני), דבכתובות (יז, א) מבואר שלענין כלה ומלך שפגעו זה בזה בדרך, אסור למלך למחול על כבודו, וכן מבואר בקידושין (לב, ב) שלענין להיות עומד ומשקה לתלמידי חכמים בסעודה של מצוה אינו יכול למחול על כבודו, אף שיש בהם מצוה. ותירצו, שלא הותר רק במצוה כזו שמוחל על כבודו משום כבוד התורה שהוא כבוד השכינה, משא"כ באלו שמוחל על כבודו כדי לחלוק כבוד לבשר ודם, כגון לכלה ותלמידי חכמים, בזה גזירת הכתוב הוא שאינו מוחל אפי' במקום מצוה.

ואמנם התוס' כתבו, שגם הדין המבואר בסנהדרין (יט, ב) שחולץ או מיבם, אף שזה בזיון שהיא יורקת בפניו, מכל מקום מותר למחול על כבודו כדי לקיים מצות מלך עולמים ומראה בעצמו שאימת שכינה עליו, אך **המהרש"א** (סנהדרין יט, ב בתוד"ה מצוה שאני) כתב, שבאמת זה רק דעת רבי יהודה, אבל רבנן חולקים עליו וס"ל דלא חולץ וכו' ולא מייבם, כדתנן במתני' שם (יח, א) שהם סוברים שאין אומרים 'מצוה שאני' רק במצוה של כבוד התורה ולא בשאר מצוות. ולפי"ז מבוארים היטב דברי רבינו, שבעניננו שאינו משום כבוד התורה, אכן לא הותר גם במקום מצוה, ולזה הוצרך משה רבינו לגלות דעתו, שעושה כן מחמת שהיה ציווי מפורש מהקב"ה על דבר זה.

גם אפשר, שבעניננו נחשב שמשה ביזה עצמו לחלוק כבוד לאחרים, וזה דומה למש"כ התוס' שלכו"ע אין לו למחול על כבודו כדי לחלוק כבוד לבשר ודם.


מתיקות ועריבות טוב התורה




מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.

להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# דקדוק בדבר הלכה

מצאנו בכמה מקומות שרבנו התבטא בכאב על מצוות שאנשים דשים בעקבם והורגלו לזלזל בהן.

ב'ראשון לציון' על הלכות מזוזה (יורה דעה סימן רפח, א), כתב רבנו אודות מה שנפסק ב'שולחן ערוך' כי יש להותיר רווח בראש המזוזה ובשוליה, בשיעור חצי צפורן:

ובאמת, בעיני יפלא על מה שראיתי כל המזוזות שבדקתי בם ואין בהם שעור זה, לא למעלה ולא למטה, ואפילו כרביע צפורן. וצריך למחות בידם ולגעור במי שמזלזל בדברי רבותינו, ובפרט במצוה יקרת הערך כזו ואין חסרון כיס כמעט.

עוד כתב ב'ראשון לציון', הלכות כבוד רבו (יורה דעה סימן רמב, י) שלעתים תפקידו של הרב לאסור על הקהל דברים שהם מפורשים בש"ס ובשולחן ערוך להתירם, כדי שלא ייצא מכשול. בתוך דבריו הביא רבנו את שפסק הרמ"א (אורח חיים סימן רעו, ג) כי מותר לומר לגוי שיביא הנר אם צריך לו, ועורר כי מכשול עלול לצאת מכך, כי פשוטי עם שאינם בקיאים בפרטי ההלכות יאמרו לגוי שגם יתקן את הפתילה והלהבה, כי לא יבינו שיש הבדל בין הבאת הנר לתיקונו. בלשון זו כתב:

כל ימי הייתי מצטער, כשהייתי רואה שעושים זה ההמון על פי הוראת חכם, והייתי אוסר להם ולא אשגחו בי כיון שהוא דין פשוט, ולא עברו ימים מועטים עד שראיתי בעיני שהגוי עצמו המשמש לישראל להביא לו הנר לאורה היה מטיבה לו ומסיר הקניבה באופן [שהוא] מכבה ומבעיר לצורך ישראל. וגערתי בו. ואמר הישראלי: מאי שנא, מאן דעביד הא עביד הא (= במה שונה, הרי הגוי מביא את הנר ומה אכפת לי שהוא גם מיטיבו). ואסרתי לו ולא אשגח. עוד זה מדבר וזה בא, ואמר שישראל אמר לגוי להחזיר הקדירה על האור להצטמק ויפה לו התבשיל. וקרינו לו לייסרו ולהוכיחו מה זאת עשית. וענה ואמר: אין (= הן), ומה בכך, כאשר נשא הגוי הנר כן נשא הקדירה ונתנה על האש והכל אחד, ומזה למדתי לומר לו להניח הקדירה על האש. ובראותי כן חרה לי עד מאד, ואסרתי שלא לעשות זה אלא דוקא תלמיד חכם בצנעא מההמון ובעת הצורך.

וכמו כן הא מלתא וכל דכוותה, אם יראה החכם כי בעיני העם יפלא, גם בעיניו יפלא מלהתיר אם יצא ממנו להתיר האיסור, ושליחותייהו דרבנן קמאי עבדינן, כל מן דין להעלים ההיתר שלא יצא ממנו מכשול כפי ראות עין טובה כל מקום שנתנו חכמים עיניהם לתקוני.

## ושאבתם מים בששו"ן

הגאון רבי יוסף משאש זצ"ל סיפר מה ששמע מפי הגאון רבי רפאל אלנקווא זצ"ל: פעם הגיע אל רבנו ה'אור החיים' הקדוש יהודי אחד מעשירי סאלי, ישועה שפורטש היה שמו, והתאונן על מקרה מצער אשר קרהו. לא מכבר רכש פרדס גדול מישמעאלי, ושילם עליו טבין ותקילין, כי היו בו באותו פרדס שני מעיינות מים זכים ומתוקים והוא סבר שיתעשר ממכרם, אך בקושי חלפו חודשיים ימים ושני המעיינות יבשו ואין בהם לחלוחית. ביקש האיש את ברכת רבנו, כי תשוב הנביעה למעיינות.

אדהכי והכי, תוך כדי שהיה יושב במחיצת רבנו, נטל העשיר כד מים שעמד על השולחן, מזג לעצמו כוס מים ושתה לרוויה, אך על שתיית המים לצמאו לא בירך 'שהכל' וגם 'בורא נפשות' לא אמר.

נענה רבנו ואמר: אכן נודע הדבר, כי מחמת שאינך מברך על שתיית המים, לא לפניה ולא לאחריה, אינך ראוי לברכת המעיינות. כל עוד והיו ברשות הישמעאלי, לא תבעו המים את עלבונם, אך כאשר זכו ובאו ברשותו של יהודי כשר שמחו המים כי עומדת להתמלא משאלתם "אנן בעינן למהוי קריבא למלכא". והלא מקרא מלא דיבר הכתוב (ישעיה יב, ג) "ושאבתם מים בששון ממעייני הישועה", 'בששון' ראשי תיבות: ב'ברכות ש'תים, ש'הכל ו'בורא נ'פשות - אזי יתקיים המשך הפסוק "ממעייני הישועה".

קיבל האיש על עצמו להקפיד לברך על המים, ואף את עצת רבנו קיבל להעמיד שומר שיפקח על כל יהודי השותה מן המעיין שיברך על המים לפני שתייתו ולאחריה. לאחר עשרים וארבע שעות שבה נביעת המים במעיינות ('אוצר המכתבים' להגאון רבי יוסף משאש זצ"ל).

## ברכת ה' היא תעשיר

במסורת השתמר סיפור נוסף אודות חיזוק שהעניק רבנו ליהודים פשוטים במילי דברכות: באחד מנדודיו הגיע רבנו לעיירה ותר אחר בית של יהודים שיוכל להתאכסן בו. משמים הובילוהו לביתה של משפחה פשוטה, שהיו מצוינים בהכנסת אורחים ורגילים בהם. ביקש רבנו להתארח בביתם ונענה ברצון. משנכנס, ראה רבנו כי על כל בני הבית שורה קדושה מיוחדת, ואף על הבית חופפת אוירה של חן מיוחד, וזאת למרות שמכתלי הבית ניכר שדרים בו בדלות ובהסתפקות במועט.

בא רבנו בדברים עם בעל הבית וניסה לתהות על קנקנו, והנה תוכו כברו ואין הוא כולא בפנימיותו צדקות נסתרת. כמראהו הפשוט כן מהותו. התפלא רבנו על קדושה שהרגיש בהם וניסה להוציא מפי בעל הבית ובני ביתו, אולי הם מהדרים בקיומה של אחת המצוות, או שמא נסיון גדול בא לידם ועמדו בו בתום גבורתם. עד שסיפר האיש דברים שאירעו בביתם:

רגילים הם באורחים, ובין הבאים היה אדם זקן שמפעם לפעם היה מופיע ומתארח בביתם, נוהג בהם בכבוד ואף מעניק מתנות לכל המשפחה. באחת הפעמים, פנה הזקן ואמר להם: רואה אני שמקפידים אתם לברך ברכת המזון בקול רם, ואני חושב שאינכם עושים כהוגן. ראשית, הלא מאמינים אנו שהקדוש ברוך הוא עונה לחש ואינו זקוק שיצעקו את התפילות והברכות. ושנית, הלא אתם מכניסי אורחים ובדרך כלל סמוכים על שולחנכם אנשים אחרים שאינם מחמירים כמותכם, ונמצאתם גורמים להם מבוכה ובושה. נבוכו מתוכחתו, סברו וקיבלו. משראה הזקן שהם שומעים בקולו, הוציא מאמתחתו מתנות נוספות וחילק להם.

לאחר זמן מה הופיע הזקן, כדרכו מפקידה לפקידה, ואף הפעם הביא עמו מתנות. בליל שבת קודש כששבו מבית הכנסת והחלו לשיר 'שלום עליכם' בקול רם, גער בהם הזקן והזכיר להם את שלימדם בפעם הקודמת, שהקדוש ברוך הוא אינו זקוק שיצעקו את התפילה. אף הפעם שמעו בקולו וקיבלו את דבריו.

בפעם הבאה שהגיע הזקן היה זה בערב פסח, וכששמח בעל הבית לקראתו והזמינו להתארח בביתו, התנה ואמר, כי מוכן הוא אך ורק אם יגידו את ההגדה בשקט ולא בצעקות. הפעם התקשה בעל הבית להסכים ואמר שעליו לשאול את אשתו. נכנס ונמלך בדעתה, והיא השיבה לו: "שתקתי כשהוא עקר 'ברכת המזון' מפיהם של ילדינו. מחלתי כשהשתיק את זמרת 'שלום עליכם' ממעוננו. אבל את הלילה הקדוש הזה אינני מוכנה לתת לו. למרות שאני מהדרת אחר אורחים, את הגבול הזה לא אעבור". משמשע הזקן את דברי האשה שבפי בעלה, כעס ואמר שבחינם חילק להם מתנות כי כעת רואה הוא שאינם שומעים בקולו. נבהל האיש, כי היו אלו מתנות יקרות וכעת חשש שהזקן יבקשן בחזרה. אך האשה, מיד כאשר שמעה את שבפי ההלך, קראה ואמרה: "הזדרז-הזדרז, עוד בטרם יתקדש החג השב לזקן את כל מתנותיו. אין לי חפץ בהן, כשם שאין לי חפץ בו ובתוכחתו הפסולה".

משכילה האיש לספר את סיפורו, קרא רבנו בהתרגשות: "עתה ידעתי מפני מה זכיתם שקדושה תחפוף על ביתכם ותקרון מפניכם. היה זה היצר הרע שביקש לעקור הנהגות תמימות מביתכם, וזוגתך בחכמת נשים בנתה ביתה" (מפי הרה"צ רבי דוד מאיר ווייס זצ"ל, וכן היה מספר הרה"צ רבי אלי' ראטה זצ"ל, יד ימינו של הרה"ק רבי שלמה מזוויעהל זי"ע).

אלפים כבר נושעו
בזכות תרומתם למען ה'אור החיים' הקדוש
והפצת ספריו הקדושים
קְנה לעצמך זכות אצל האור החיים הקדוש
מוקד הישועות: 0733-713-620
ישועות. ישועות. ישועות.
מורשת אור החיים הקדוש

# די געוואלדיגע זכות פון דרוקן דעם ספר אור החיים הקדוש

אין די פריערדיגע מאמרים האבן מיר שוין געברענגט, אז הרה"ק ר' **פנחס קאריצער** זי"ע איז געווען דער וואס האט ברייט באוואוסט געמאכט דעם ספר אור החיים הק' צווישן תלמידי בעש"ט הק' זי"ע, נאך וואס ער אליין איז באוואוסט געווארן צו די זעלטענע חשיבות פון דעם ספר.

הרה"ק ר' פנחס זי"ע האט זיך נישט באגנוגט נאר מיט'ן רעדן איבער די גרויסקייט פונעם ספר, ער האט אויך שטארק פאראַרבעט צו פארשפרייטן דעם ספר איבעראל, אז ווי מער אידן זאלן זיך אנקלעבן און עוסק זיין אין דעם הייליג ספר.

צוליב דעם טאקע האט ער באפוילן פאר זיין זון הרה"ק ר' **משה** זי"ע - וועלכער האט געגרינדעט א בית דפוס אין סלאוויטא - אז מדי שנה בשנה זאל ער אויפנייי איבערדרוקן דעם ספר "אור החיים" הק'; **און אזוי ארום וועט ער ניצול ווערן פון אלע מיני שלעכטע גזירות!**

טאקע **די ערשטע ספר** וואס איז געדרוקט געווארן אין סלאוויטא דרוקעריי - אין שנת תקנ"א - איז געווען; א חומש מיט תרגום אונקלוס, פירוש רש"י, **און פירוש אור החיים הקדוש!** אויף די חמש מגילות איז בייגעלייגט געווארן דער פירוש "**ראשון לציון**" - וואס דער רבי האט געשריבן אויף מגילות "שיר השירים", "אסתר", און "איכה".

אין לויף פון די יארן זענען אויף דעם פארמאט ערשינען נאך צענדליגער מהדורות, און אזוי האט דער ספר "**ראשון לציון**" אויך באקומען א שטארקע תפוצה אין כלל ישראל. אויף אזוי ווייט אז ביי פארשידענע איז דער ספר "**ראשון לציון**" גערעכנט געווען ווי איינס מיט'ן ספר "**אור החיים**", ביז צומאל האט מען אראפגעברענגט פון "**ראשון לציון**" דאס רופנדיג "**אור החיים**"! (זע ספה"ק דגל מחנה אפרים דרוש לפורים ד"ה ויאמר).

אויב - ווי פריער דערמאנט - איז די ערשטע מהדורה אין סלאוויטא באמת געדרוקט געווארן אין יאר תקנ"א אזויווי עס איז מופיע אויפן שער בלאט, איז מעגליך אז הרה"ק ר' פנחס קאריצער זי"ע האט דאס נאך עספיעט צו זען בחייו - איידערן אנזאגן זיינע קינדער זיך צו פלייסן מיט'ן דרוקן דעם ספר יאר ביי יאר. [דאס איז לויט די דעה וואס זאגט אז ר' פנחס איז נסתלק געווארן י' אלול שנת **תקנ"א**. אנדערע האלטן אבער אז זיין הסתלקות איז געווען שנת **תק"נ** - און לויט דעם, אויב דער דאטום אינעם ספר איז ריכטיג, האט ר' פנחס שוין נישט באוויזן דאס צו זען בחייו].

אין ספר "**עדן ציון**" (לר' ישעי' הלוי הורביץ ז"ל - ירושלים תשי"ג) שטייט, אז ער האט געהערט מפי החסיד הישיש ר' **מנשה מלמד מבערשט** ז"ל, אז איין יאר האט פאסירט אז די קינדער פון הרה"ק מסלאוויטא זי"ע האבן נישט איינגעהאלטן דעם זיידנ'ס צוואה ארויסצוגעבן יעדעס יאר א פרישע מהדורה, און אין יענעם יאר איז זיי ליידער באפאלן א שווערע גזירה ר"ל.

[למעשה זענען דא אסאך פקפוקים אין די עצם הדבר אז ר' פנחס זאל האבן אנגעזאגט אזא זאך ווי ארויסצוגעבן א נייע מהדורה ממש יעדע יאר - א זאך וואס לויט די באדינגונגען פון יענע תקופה איז אוממעגליך צו שטיין דערין. ווי אויך איז נישט אזוי זיכער אז זיין זון ר' משה האט זיך באזעצט אין סלאוויטא אין יאר תקנ"א, און אפילו אויב יא - איז שווער צו גלייבן אז ער זאל האבן גלייך אין יענעם יאר ארויסגעגעבן א גאנצע מהדורה... ווי אויך, אויב איז אמת אז זיי האבן אנגעהאלטן די צוואה, וואו זענען די אלע מהדורות וואס זענען ערשינען דורכאויס אלע יארן?! דאס לייגט אויך אין א שוואכע ליכט די אויבנדערמאנטע נקודה אז די סלאוויטא קינדער האבן מיטגעמאכט א שווערע גזירה פאר'ן אויסלאזן איין יאר, ווייל לויט די דעמאלטסדיגע באדינגונגען, אין צוגלייך פון די פילע מהדורות וואס זיי האבן ארויסגעגעבן, שיינט אויס אז זיי האבן זיך נישט אפגעשטעלט כמעט עוסק צו זיין דערין...]

דרך אגב, די מעשה פון די ביטערע גזירה וואס די סלאוויטא קינדער האבן מיטגעמאכט איז ידוע ומפורסם; דאס האט פאסירט נאך וואס איינער פון די ארבייטער אינעם דרוקעריי וואס האט פארנאכלעסיגט זיין ארבעט איז געווען געצווינגען צו פארלאזן דעם פלאץ, און פאר גרויס צער האט ער זיך גענומען דאס לעבן ר"ל. זיינע בני המשפחה - וואס זענען געווען שטארק אויפגעברויזט אויף משפחת שפירא וואס האבן אנגעפירט מיט'ן דרוקעריי - האבן באלד ארויסגעלאזט א פאלשן בלבול אויף די צוויי אחים הקדושים - די אייגנטימער פונעם דרוק - אז זיי האבן אים ערמארדעט, מיט אן אויסרייד אז זיי האבן געוואלט פארשווייגן אז זיי באהאלטן אויס די ספרים פון זייער דרוק פון די אויגן פונעם צענזאר. די עלילה איז געווען א פעטן ביינדל פאר די גלחים און משומדים פונעם געגענט וואס האבן געמאכט "מטעמים" אויפבלאזנדיג הוילע שקרים און בלבולים אויף די הייליגע ברידער, ענדע האט מען זיי ארעסטירט אינעם הויפט שטאט קיעוו. דארט האט זיך די משפט געצויגן א שיינע פאר יאר, ביז מ'האט זיי ענדגילטיג באשולדיגט "בלויז" פארן דרוקן ספרים אן קיין אויפזיכט פונעם צענזאר, און אויף דעם זענען זיי פאראורטיילט געווארן צו כאפן נישט ווייניגער ווי **טויזענט פינף הונדערט!** שלעק, און דערנאך פארטריבן צו ווערן לעבנסלאנג קיין סיביר. נאך די אחים הקדושים האבן געענדיגט כאפן די מכות רצח אנקומענדיג ממש עד שערי מות, האט זיך זייער גלות אין סיביר געצויגן פאר גאנצע זיבעצן יאר, ביז דער קייזער אלעקסאנדער דער צווייטער איז ארויף אויפן טראן, און ער האט זיי ענדליך באפרייט.

כ"ק אדמו"ר **מראחמיסטריווקא** שליט"א האט דערציילט (אור לט"ו תמוז תשס"ד): אז איינער פון די אייניקלעך פון הרה"ק ר' **פנחס קאריצער** זי"ע וועלכער איז געווען אן "איש קדוש" און האט זיך מתפרנס געווען פון אנפירן א דרוקעריי, האט זיך סוף ימיו צוקרעכצט: "עס דערנענטערט זיך דער טאג וואס איך גיי דארפן אפגעבן דין וחשבון פאר'ן בית דין של מעלה אויף אלע מיינע מעשים, מיט וואס קום איך דארטן ארויף?!... איך האב דאך ליידער גארנישט געטון... איין זאך אבער בין איך זיכער אז דאס וועט מיר קעגנקומען אויף יענער וועלט, און זיכער מליץ טוב זיין פאר מיר; **דאס אז איך האב געדרוקט דעם ספר אור החיים הקדוש! און דער 'אור החיים הקדוש' - איז איין האָר פון זיין באָרד גענוג בייצושטיין א טובה צו טון, דאס איז די גרעסטע זאך וואס איז נאר שייך!"**

[אין ספר "**פרח מטה אהרן**" ווערט געברענגט מרשימות הרה"ח ר' **מנשה הכהן ראזענפעלד** זצ"ל, אז הרה"ק ר' **משה מסלאוויטא** זי"ע האט זיך דאס אויסגעדרוקט אויף זיך אליין. ער לייגט דארט צו, אז ר' משה האט זיך בארואיגט מיט דעם; **אז ער האט געדרוקט דעם אור החיים הקדוש אין דרייצן מהדורות!** למעשה אבער איז דער צאָל נישט ריכטיג, ווייל ביז ר' משה'ס פטירה זענען אין סלאוויטא געדרוקט געווארן בלויז **זיבן** מהדורות. הגם דאס איז אויך אַן אבנארמאלער צאָל וואס מ'טרעפט נישט אזעלכעס!].

» מדור מוסר חיים - המשך עמוד 1

זאגט די תורה ווייטער: "**וּמִכְנְסֵי בַד**" - "**מכנסי**" איז א לשון פון **הכנסה**, דאס גייט ארויף אויף דעם וואס די אומות העולם האבן ליידער גע'הרג'עט די צדיקים - חסידי עליון - וואס **ברענגען אריין** אמונת ה' אין די הערצער פון כלל ישראל, וואס זיי זענען ספעציעל נאנט צום אויבערשטן עד כדי כך אז קיין שום זאך איז נישט מפסיק צווישן זיי מיט'ן אויבערשטן! דאס איז מרומז אין "**יִלְבַּשׁ עַל בְּשָׂרוֹ**" אז דער אויבערשטער כביכול **טראגט די צדיקים ממש אויף זיך אליין!**

פירט אויס דער פסוק: "**וְהֵרִים אֶת הַדֶּשֶׁן**" אז דער אויבערשטער גייט צוריק **אויפהייבן** די קעפ פון די אידן - וואס זענען ליידער געווארן **אֵשׁ** פון די פייער פון צרות וואס די גויים האבן אנגעהיצט קעגן זיי. "**וְשָׂמוֹ אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ**" און צו דער זייט וועלן די גויים אויך נענש ווערן אפילו אויף די יסורים וואס זענען לכתחילה געווען באשטימט אז די אידן דארפן ליידן אין גלות. הגם מ'קען זיי דאך נישט מעניש זיין אויף דעם, ווייל זיי האבן דאך אויסגעפירט די גזירת גלות וואס השי"ת האט גוזר געווען, אבער היות זייער כוונה מיט'ן פייניגן די אידן איז דאך נישט געווען צו טון רצון ה' - נאר פשוט פאר שנאה צו כלל ישראל, וועלן זיי חוץ די צוגעלייגטע צרות - וואס אויף דעם זענען זיי זיכער שולדיג - אויך טייער צאלן אויף דעם עצם שעבוד הגלות.

און אפילו נאך וואס דער אויבערשטער גייט זיי שוין דערלאנגען ביטערע קלעפ, גייט זיך נאכאלץ נישט פארלעשן זיין ברען פון נקמה, נאר ער וועט האלטן אין איין נוקם זיין אין די גויים, אזויווי עס שטייט (יואל ד, כא) "**וְנִקֵּיתִי, דָּמָם לֹא נִקֵּיתִי**". דאס איז מרומז אין: "**אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד עַל הַמִּזְבֵּחַ לֹא תִכְבֶּה**", אז דעם אויבערשטנ'ס צארן גייט ברענען אין זיי אויף אייביג, ביז ער וועט אינגאנצן מעביר זיין דעם רוח הטומאה פון די וועלט, והיה ה' למלך על כל הארץ.